# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:34
מוצאי שבת קודש............9:06

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................דברי הימים-א י"ח
בבלי...........................חולין ב'
ירושלמי............קידושין מ"ח
תוספתא..............יום טוב א'
רמב"ם......................ציצית ב'

פרשת אמור, ט"ו אייר, אבות פרק ד', שנת תשפ"ו לפ"ק
שנה 15, גליון 30 (749)


## אַ וָואָרְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם, זָאגְט רַשִׁ"י, אֱמֹר וְאָמַרְתָּ, לְהַזְהִיר גְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"א) אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט פוּן זַיינֶע מַדְרֵגוֹת, אִיז עֶס אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל אַזוֹי וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ מוּזְן בַּאנֵייעֶן, עֶר וֶועט מוּזְן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶר לֶערְנְט, עֶר דַאוֶונְט, אוּן עֶר פִילְט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ חַיוּת אִין עֲבוֹדַת ה'. דַארְף עֶר אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס קֶען קוּמֶען אַ צַייט וָואס עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט פִילְן, עֶס וֶועט אִים זַיין אִינְגַאנְצְן טוּנְקְל אוּן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, עֶר וֶועט נִישְׁט פִילְן קַיין שׁוּם חַיוּת. אוּן דַאן וֶועט עֶר זִיךְ מוּזְן שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן, אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז יֶעצְט.

דָאס אִיז פְּשַׁט, אֱמוֹר וְאָמַרְתָּ, לְהַזְהִיר גְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים, מֶען דַארְף וָוארֶענֶען דִי גְרוֹיסֶע אוֹיף דִי קְלֵיינֶע. דָאס מֵיינְט אַז אִין דִי צַייט וָואס עֶס גֵייט גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט חַיוּת אוּן גֶעשְׁמַאק, זָאל עֶר זִיךְ צוּגְרֵייטְן פַאר דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג, צוּ דִי צַייטְן וָואס עֶר וֶועט זַיין פוּל מִיט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, עֶס וֶועט אִים זַיין אִינְגַאנְצְן טוּנְקְל, אַז עֶר זָאל זִיךְ דֶעמָאלְט אוֹיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה אֱמוֹר א')

**אִישׁ אִישׁ כִּי יְקַלֵּל אֱלֹקָיו וְנָשָׂא חֶטְאוֹ**. לְכְאוֹרָה אִיז שְׁוֶוער פַארְוָואס דֶער פָּסוּק כַאפְּט אָן דִי לָשׁוֹן **"אֱלֹקָיו - זַיין בַּאשֶׁעפֶער"**, אוּן נִישְׁט דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע לָשׁוֹן **"אֱלֹקִים - דֶער בַּאשֶׁעפֶער"**?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ו) אַז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט אַרָאפּ אַ פָּשׁוּט'עֶ לִיכְטִיגְקֵייט, וָואס קֶען וֶוערְן אוֹיסְגֶעטַייטְשְׁט צוּ גוּטְס, אָדֶער צוּ שְׁלֶעכְטְס. אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֵיינְט שְׁטֶענְדִיג נָאר זַיין גוּטְס, דֶעמָאלְט הָאט עֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע גְלִיקְלִיכֶע לֶעבְּן. אוֹיבּ אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים נִישְׁט לִיבּ, אַז עֶר ווִיל זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם נוֹקֵם זַיין אִין אִים, דַאן הָאט דֶער מֶענְטְשׁ אַ שְׁלֶעכְט לֶעבְּן. אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **אִישׁ אִישׁ כִּי יְקַלֵּל "אֱלֹקָיו" וְנָשָׂא חֶטְאוֹ**, אַ מֶענְטְשׁ שֶׁעלְט נָאר "זַיין" בַּאשֶׁעפֶער, דָאס מֵיינְט אַז עֶר שֶׁעלְט נָאר וַוייל עֶר רֶעדְט זִיךְ אַיין אַ בַּאשֶׁעפֶער לוֹיט וִוי זַיין מֹחַ הָאט אוֹיסְגֶעטְרַאכְט, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ גוּטֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס ווִיל אוּנְז נָאר הֶעלְפְן שְׁטֶענְדִיג.

(תּוֹךְ הַנַּחַל, לֵיל שב"ק, אֱמוֹר תש"ס)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### לַ"ג בָּעוֹמֶר

וֶוען עֶס קוּמְט דֶער גְרוֹיסֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר זֶעט מֶען אַז אַלֶע פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, סֵיי דִי וָואס זֶענֶען זוֹכֶה צוּ זַיין אִין מִירוֹן אוּן סֵיי דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט אִין מִירוֹן, אַלֶע שְׁפִּירְן אַ שִׂמְחָה אִין הַאֶרֶץ, דָאס אִיז וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט (שַׁבָּת קלח:), אַז עֶס גֵייט זַיין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת פַאר אוּנְז אִידְן אוּן עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס מֶען וֶועט זַיין אַזוֹי פַארְזִינְקֶען אִין גָלוּת אַז דִי תּוֹרָה וֶועט חַס וְשָׁלוֹם פַארְגֶעסְן וֶוערְן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זֵיי גֶעזָאגְט: "חַס וְשָׁלוֹם שֶׁתִּשְׁתַּכֵּחַ הַתּוֹרָה מִיִּשְׂרָאֵל", עֶס וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי תּוֹרָה פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים לא, כא): "כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ", דִי תּוֹרָה וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי

<<<<<<

## א גוט ווארט

וִויסְן זָאלְסְטוּ, לַ"ג בָּעוֹמֶר אִיז מְסוּגָל אוֹיסְצוּפּוֹעֶלְ'ן קִינְדֶער, אוּן אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹירִים זָאגְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס אִיז אַלְץ פַאר דֶער וָואס אִיז אוּנְטֶער גֶעוָוארְפְן אוּנְטֶער דִי טֶבַע, אָבֶּער דֶער וָואס גְלֵייבְּט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, דִי גַאנְצֶע טֶבַע אִיז נָאר אַ בְּרִיאָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי גַאנְצֶע טֶבַע וֶוערְט גֶעפִירְט דוּרְךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְךְ טוּן דִי סְגוּלוֹת הַצַּדִּיקִים - קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער; זָאלְסְטוּ שִׁיסְן מִיט דִי פַייל אוּן בּוֹיגְן אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סג), שִׁיסְן לַ"ג בָּעוֹמֶר מִיטְן פַייל אוּן בּוֹיגְן אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער; אוּן מִיט אֱמוּנָה, אוּן מִיט אֱמוּנָה אִין דִי סְגוּלוֹת פוּן צַדִּיקִים - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בְּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תשפ"ו)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י' אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין; הֶיוֹת דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ מִיט דִי מוֹסְדוֹת אוּן מִיט דִי קְהִילָּה, אוּן אוֹיךְ מִיט דִי אוֹיפְבּוֹי אִין שְׁטֶעטְל, דִי שֵׁיינֶע שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, דִי שְׁטֶעטְל וָואס טְרָאגְט דֶעם רֶבִּינְ'ס נָאמֶען; ווִיל אִיךְ דִיךְ מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף נִישְׁט וֵויי טוּן קֵיינֶעם, אוּן ווִי מֶען קֶען מַאכְן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַ גוּטֶע גֶעפִיל, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט שָׁלוֹם אוּן טוּט אַלֶעס פַּאר שָׁלוֹם.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, פוּנֶעם טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ שַׁיינֶען דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת; בִּיז לַ"ג בָּעוֹמֶר זֶענֶען טֶעג פוּן טְרוֹיעֶר, מֶען פִירְט זִיךְ מִיט הִלְכוֹת אֲבֵילוּת אוֹיף דִי תַּלְמִידִים פוּן רַבִּי עֲקִיבָא וָואס הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט מִיט כָּבוֹד אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט דָאס מְתַקֵּן גֶעוֶוען, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט לִיבְּשַׁאפְט אִין אַלֶע תַּלְמִידִים, עֶר הָאט גֶעזָאגְט (נָשֹׂא קכח.): "אֲנַן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא", מִיר זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין לִיבְּשַׁאפְט, מִיר דַארְפְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן; עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט דִי לִימוּד פוּן זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי עֲקִיבָא וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט (יְרוּשַׁלְמִי נְדָרִים ט, ד; שַׁבָּת לא.): "'וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ', זֶה כְּלַל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה", דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן מִיט דֶעם אִיז מֶען מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה; דוּרְךְ לִיבּ הָאבְּן אַ אִיד אוּן נִישְׁט רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן צא).

דֶער הֵיילִיגֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר אִיז אַ טָאג וָואס מֶען דַארְף מְקַבֵּל זַיין דֶעם לִימוּד פוּן 'אֲנַן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא', אָפְּלָאזְן דִי מַחְלוֹקֶת, זִיךְ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט קְרִיגְן, אוּן לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם; צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט: 'רַבִּי שִׁמְעוֹן אִיז לַכֹּל' דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז פַּאר יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם לַיידְן, יֶעדְן אֵיינֶעם נֶעמֶען, דָאס אִיז דֶער לִימוּד וָואס מִיר זֶענֶען מְקַבֵּל אִינֶעם הֵיילִיגְן טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר, זַיין לַכֹּל, קֶענֶען יֶעדְן אֵיינֶעם פַּארְנֶעמֶען, ווֶעלְן יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, מַאכְן פְּלַאץ אִין הַארְץ פַאר יֶעדְן אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אֱמוֹר תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

כו. הָעוֹשֶׂה דְּבַר עֲבֵרָה וּמִתְחָרֵט בָּהּ, מוֹחֲלִין לוֹ עַל כָּל עֲווֹנוֹתָיו. ווֶער עֶס טוּט אַן עֲבֵירָה אוּן עֶר הָאט חֲרָטָה דֶערוֹיף, אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

כז. הַנּוֹשֵׂא וְנוֹתֵן בֶּאֱמוּנָה, מוֹחֲלִין לוֹ עַל כָּל עֲווֹנוֹתָיו. ווֶער עֶס הַאנְדְלְט עֶרְלִיךְ, אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

<<<<<< מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

ווֶעט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן ווֶערְן דִי תּוֹרָה פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי פָּסוּק פוּן וָואס עֶר בְּרֶענְגְט אַ רְאַיָ', וַוייל דִי לֶעצְטֶע אוֹתִיוֹת פוּן דִי ווֶערְטֶער "כִּ'י לֹ'א תִשָּׁכַ'ח מִפִּ'י זַרְעוֹ'", אִיז דִי וָוארְט יוֹחָאִי; אַז פוּן דֶער קִינְד פוּן יוֹחָאִי - דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן - ווֶעט דִי תּוֹרָה נִישְׁט פַארְגֶעסְן ווֶערְן.

דֶערְפַאר אִיז דִי שִׂמְחָה אִין דֶעם טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר אַ גָאר גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אַלֶע פְרֵייעֶן זִיךְ; וַוייל דַיְקָא דוּרְךְ דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי וָואס הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר - גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן גָלוּת, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (נָשֹׂא, קכד:): "בְּהַאי חִבּוּרָא דְּאִיהוּ סֵפֶר הַזֹּהַר", מִיטְן זוֹהַר, "יִפְקוּן בֵּיהּ מִן גָּלוּתָא", ווֶעלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת; פוּן וָואס פַאר אַ גָלוּת? דֶעם אֵייגֶענֶעם גָלוּת, דִי טוּנְקֶעלֶע גָלוּת פוּן פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נִישְׁטָא קַיין עֶרְגֶערֶע גָלוּת ווִי דֶער וָואס פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז אוּנְטֶערְגֶעוָוארְפְן אוּנְטֶער טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָּל, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, אוּן ווֶען מֶען לֶערְנְט זוֹהַר - בַּאקוּמְט מֶען אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, מֶען זֶעט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; יֶעדֶע זַאךְ אִיז אֱלֹקוּת, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז עֶצֶם עַצְמִיּוּת חִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, עֶס אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, נִישְׁטָא קַיין מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִין יֶעדֶע רִיר, אִין יֶעדֶע זַאךְ - אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער; ווֶען מֶען לֶערְנְט זוֹהַר עֶפֶענֶען זִיךְ דִי אוֹיגְן, מֶען הֵייבְּט אָן זֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לַ"ג בָּעוֹמֶר אִיז אַ מִנְהָג צוּ שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן. אֵיינֶע פוּן דִי טַעֲמִים אִיז, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה עט, ו), ווֶען דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי מִיט זַיין זוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי אֶלְעָזָר זֶענֶען אַרוֹיס פוּן דִי מְעָרָה נָאךְ דְרַייצְן יָאר, הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען ווִי אַ פַאנְגֶער פַאנְגְט פֵייגְלֶעךְ, זֵיי זֶעעֶן ווִי אַ פֵייגְל ווֶערְט שִׁיעֶר אַרַיינְגֶעכַאפְּט, אוּן אִין דִי לֶעצְטֶע סֶעקוּנְדֶע הָאט זִיךְ דִי פֵייגְל גֶערַאטֶעוֶועט, נָאכְדֶעם קוּמְט אַ פֵייגְל אוּן זֵיי הֶערְן אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס זָאגְט: "גֶעפַאנְגֶען" אוּן דִי פֵייגְל אִיז גֶעפַאנְגֶען גֶעוָוארְן; הָאט דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן: "זֶעסְט, אֲפִילוּ אַ קְלֵיינְטְשִׁיג פֵייגֶעלֶע קֶען אוֹיךְ נִישְׁט גֶעכַאפְּט ווֶערְן אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל דָאס אָפְּשְׁרַייבְּן אוֹיבְן אִין הִימְל, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אַלֶעס וָואס אִיז אוֹיף אוּנְז אַרִיבֶּער אִיז פוּן הִימְל מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן"; דֶערְפַאר שִׁיסְט מֶען מִיט דִי פַייל אוּן בּוֹיגְן, צוּ גֶעדֶענְקֶען דִי לִימוּד פוּן דֶער פַאנְגֶער וָואס הָאט גֶעפַאנְגֶען אוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ אַ קְלֵיין פֵייגְל קֶען מֶען נִישְׁט פַאנְגֶען נָאר מִיט רְשׁוּת פוּן אוֹיבְן; מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט פוּן אַ קְלֵיינֶע זַאךְ בִּיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אַלֶעס אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער בַּאשׁוּלְדִיג זִיךְ נִישְׁט, אוּן צֶעקְוֶועטְשׁ זִיךְ נִישְׁט, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, מִיט דַיין ווַייבּ, מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, אַלֶעס אִיז נָאר וַוייל מֶען ווִיל הֶערְן דַיין קוֹל ווִי דוּ רֶעדְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס

<<<<<<

אִיז נָאךְ אַ טַעַם אוֹיף וָואס מִיר פִּירְן זִיךְ צוּ שִׂיסְן מִיט אַ פַּייל אוּן בּוֹיגְן. וַוייל דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תִּיקוּן ו, דַף לו:), וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען זֶען אַ קֶשֶׁת מִיט לִיכְטִיגֶע קָאלִירְן, אוּן דָאס וֶועט זַיין דִי סִימָן אַז מָשִׁיחַ אִיז דָא, וֶוען מֶען וֶועט זֶען דִי פַּייל אוּן בּוֹיגְן מִיט לִיכְטִיגֶע קָאלִירְן, דָאס מֵיינְט מֶען דִי קֶשֶׁת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אִידִישֶׁע קִינְדֶער בַּאנִיצְן זִיךְ נִישְׁט מִיט גֶעוֶוער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים מד, ז): "כִּי לֹא בְקַשְׁתִּי אֶבְטָח וְחַרְבִּי לֹא תוֹשִׁיעֵנִי", אִיךְ פַּארְלָאז זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַ פַּייל אוּן בּוֹיגְן אוּן נִישְׁט אוֹיף אַ שְׁוֶוערְד; אִידִישֶׁע קִינְדֶער בַּאנִיצְן זִיךְ מִיט תְּפִילָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְד פוּן אִידְן. אַזוֹי וִוי יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַּאר יוֹסֵף (בְּרֵאשִׁית מח, כב): "בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי", זָאגְט דָארְט רַשִׁ"י, מִיט מַיינֶע תְּפִילּוֹת; דָאס אִיז אוּנְזֶער שְׁוֶוערְד אוּן אוּנְזֶער קֶשֶׁת, אוּן דָאס וֶועט אוֹיךְ זַיין דִי שְׁוֶוערְד פוּן מָשִׁיחַ, וַוייל מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט אָן קַיין גֶעוֶוער, מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט תְּפִילָּה, עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערִיבֶּער שִׂיסְן מִיר לַ"ג בָּעוֹמֶר מִיט אַ פַּייל אוּן בּוֹיגְן, צוּ דֶערְמַאנֶען אַז מִיר וַוארְטְן אוֹיף מָשִׁיחַ וָואס וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען דֶעם קֶשֶׁת בְּגַוָּונָא נְהִירִין.

דֶער לַ"ג בָּעוֹמֶר שִׂיסֶער דַארְף אוּנְז דֶערְמַאנֶען מִיר זָאלְן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִין תְּפִילָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מִיר זָאלְן בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען מֶען גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ קְלֶעם, אִין אַ צָרָה - זָאל מֶען נִיצְן דִי מוֹיל; דִי לִיפְּן זֶענֶען אִין אַ פָּארֶעם פוּן אַ בּוֹיגְן אוּן דִי צִינְג אִיז דִי פַּייל, מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ט, א): "אִם בָּא עַל אָדָם צָרָה", אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ צָרָה, "לֹא יִצְוַוח", זָאל עֶר נִישְׁט שְׁרֵייעֶן, "לֹא לְמִיכָאֵל, וְלֹא לְגַבְרִיאֵל", נִישְׁט צוּ מַלְאָךְ מִיכָאֵל אוּן נִישְׁט צוּ מַלְאָךְ גַּבְרִיאֵל – "אֶלָּא לִי יִצְוַוח", נָאר צוּ מִיר זָאל עֶר שְׁרֵייעֶן, "וַאֲנִי עוֹנֶה לוֹ מִיַּד", אוּן אִיךְ וֶועל אִים גְלַייךְ הֶעלְפְן; מִיט תְּפִילָּה קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵלְ'ן, תְּפִילָּה אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע גֶעוֶוער מִיט וָואס מֶען קֶען בַּאזִיגְן אַלֶע פַּיינְט.

דָאס זָאלְסְטוּ טוּן, נָאר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַאנְק אִים אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אוּן בֶּעט אִים אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט, הַאלְט דִי קֶשֶׁת אִין הַאנְט אוּן שִׂיס פַּייל, עֶפְן דַיין מוֹיל אוּן שִׂיס אַרוֹיס פַּיילְן, דָאס מֵיינְט מֶען דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(גִלְיוֹן לַ"ג בָּעוֹמֶר)

<<<<<< נייעס

דעם אייבערשטן אז מען זאל שוין זוכה זיין צו שפירן די ליכטיגקייט און זיסקייט פונעם אייבערשטן, אפלאזן אלע נארישקייטן און אלע עבירות.

נאכמיטאג האט דער ראש ישיבה שליט"א ווייטער געלערנט זוהר הקדוש אין שול, און ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט די תורה פון הייליגן רבי'ן (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קס"ה) אויפ'ן פסוק "ואהבת לרעך כמוך".

מען קען הערן באריכטן פון דעם הערליכן שבת, אויפ'ן טעלעפאן פון קול ברסלב, ביי די אפטיילונג "שבתים". דרוקט 1 פאר אידיש, דערנאך 4 פאר שמועסן און אינטערוויוס, און דאן נומער 6 פאר "שבתים".

דער שבת האט איבערגעלאזט גאר א געשמאקן טעם ביי אלע איינוואוינער, וואס קוקן ארויס אז דער ראש ישיבה שליט"א וועט פון יעצט מער אפט קומען אויף שבת קודש צום נייעם געגנט.

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# אָפְּשְׁטֶעלְן דִי נִישְׁט אֵיידֶעלֶע וֶוערְטֶער?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּן וֶוען מַיין מַאן שְׁרֵייט אוֹיף דִי קִינְדֶער אַלֶע סָארְט נִישְׁט אֵיידֶעלֶע וֶוערְטֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל 'גוֹלָם' 'שׁוֹטֶה' אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן וִויפִיל אִיךְ בֶּעט זִיךְ בַּיי אִים אַז נָאר דִי וֶוערְטֶער זָאל עֶר נִישְׁט זָאגְן, הֶעלְפְט עֶס נִישְׁט, עֶר רֶעגְט זִיךְ נָאךְ מֶער אוֹיף, אוּן דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן.

עֶס אִיז פָּשׁוּט גֶעפֶערְלִיךְ דֶער מַצָּב, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה ווִי שְׁנֶעלֶער, עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ו' אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין זֵיי זָאלְן רֶעדְן אֵיידְל, אוּן וֶוען מֶען זָאגְט 'מְחַנֵךְ זַיין' מֵיינְט דָאס נִישְׁט אֵיינְמָאל זָאגְן, דָאס מֵיינְט זָאגְן אָן אוֹיפְהֶער, בִּיז דִי קִינְדֶער וֶוערְן מְחוּנָךְ; מֶען דַארְף זָאגְן אוּן זָאגְן, אוּן אַמָאל זָאגְט מֶען שְׁטְרֶענְגֶער, אַמָאל וֵוייכֶער, אַמָאל בַּאלוֹינְט מֶען אוּן אַמָאל בַּאשְׁטְרָאפְט מֶען; אַזוֹי אַרְבֶּעט עֶס מִיט חִינוּךְ.

סְפֶּעצִיעֶל דַארְף מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק לֶערְנֶען דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן רֶעדְן אֵיידְל, נִישְׁט נִיצְן דִי וֶוערְטֶער ווִי 'גוֹלָם', 'שׁוֹטֶה', 'מְשׁוּגָע'נֶער' וְכוּ', מֶען דֶערְצֵיילְט פַּאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן רֶעדְן אֵיידְל. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (פְּסָחִים ג:), מֶען הָאט גֶעהֶערְט אַ כֹּהֵן רֶעדְט נִישְׁט אֵיידְל, הָאט מֶען פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶפֶּעס אִיז מִיט זַיין יִחוּס, מֶען הָאט בּוֹדֵק גֶעוֶוען אוּן מֶען הָאט גֶעזֶען אַז עֶר אִיז נִישְׁט קַיין כָּשֵׁר'עֶר כֹּהֵן, אוּן אַ צְוֵוייטֶע מַעֲשֶׂה, אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט גֶעהֶערְט ווִי צְוֵויי פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים שְׁמוּעֶסְן, אֵיינֶער הָאט גֶערֶעדְט זֵייעֶר אֵיידְל, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז עֶר וֶועט אוֹיסְוַואקְסְן אַ דַיָּין", נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה, רַב הָאט גֶעהֶערְט ווִי אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים רֶעדְן נִישְׁט אַזוֹי אֵיידְל, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַזוֹי אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט ווִי אַן אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעטֶע דָבָר אַחֵר", אוּן רַב הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט אִים פַּאר גַאנְצֶע דְרַייסִיג טֶעג; מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער צוּ רֶעדְן אֵיידְל אוּן הֵיילִיג, אוּן זִיכֶער נִישְׁט רֶעדְן מִיאוּסֶ'ע וֶוערְטֶער, וַוייל נָאר אַז מֶען רֶעדְט אֵיידְל – אִיז מֶען הֵיילִיג, אוּן דָאס אִיז דִי שְׁפְּרַאךְ לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ; נִישְׁטָא קַיין מִיאוּסֶ'ע וֶוערְטֶער אִין דִי שְׁפְּרַאךְ, אַלֶעס אִיז זֵייעֶר אֵיידְל אוּן הֵיילִיג.

אֵייעֶר מַאן זָאלְט אִיר נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין, אֵייעֶר מַאן זָאלְט אִיר מְכַבֵּד זַיין, אוּן אַז עֶר טוּט נִישְׁט רִיכְטִיג, עֶר שְׁרֵייט אוֹיף דִי קִינְדֶער לְשׁוֹנוֹת וְכוּ' – זָאלְט אִיר נִישְׁט זַיין קַיין נַאר אוּן גִיסְן אוֹיל צוּם פֵייעֶר, אִים מֶער אוֹיפְרֶעגְן; אַ מַאן אִיז מֶען מְכַבֵּד, נִישְׁט מְחַנֵךְ, אַ מַאן בּוֹיט מֶען אוֹיף.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תשפ"ו)

## מַאכְן פֵּיאוֹת

הָאסְט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן דִי מִנְהָגִים וָואס מֶען פִּירְט זִיךְ בַּיי אוּנְז בַּיים אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר אוּן מַאכְן דִי הֵיילִיגֶע פֵּיאוֹת; וֶוען מֶען שֶׁערְט אָפּ אַ קִינְד, מֶען מַאכְט אִים דִי הֵיילִיגֶע פֵּיאוֹת – דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דֶעם, מֶען הַאלְט שׁוֹין דָא; וִויפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער וַוארְטְן אוֹיף שִׁידוּכִים, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי צַעַר וָואס בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ גֵייעֶן אַרִיבֶּער, אוּן נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה; וִויפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער וַוארְטְן אוֹיף קִינְדֶער, אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְפְן יְשׁוּעוֹת; אוּן אַז מֶען הַאלְט שׁוֹין דָא, מֶען פִירְט אַ קִינְד אִין חֵדֶר לֶעקְן דִי הָאנִיג וָואס דֶער מְלַמֵד שְׁמִירְט אָן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע א"ב – דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרוֹיס זָאגְן מִיטְן מוֹיל: "שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ קֶענֶען פִירְן אוּנְזֶער קִינְד צוּם מְלַמֵד זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע א"ב", אוּן דִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן גֶעבְּן צְדָקָה אוּן אוֹיךְ גֶעבְּן דֶעם קִינְד זָאל גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אוּנְזֶער קִינְד זָאל זַיין גַאנְץ לֶעבְּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי פֵּיאוֹת, עֶר זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁנַיידְן בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, עֶר זָאל בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אֱמוֹר תשפ"ו)

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **שלמה טייטלבוים** הי"ו טבריה
גבאי ביהמ"ד היכל הקודש טבריה
**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**
הבחור **ישכר דוב טייטלבוים** נ"י

***

מו"ה **ישראל יאזשעף** הי"ו ירושלים עיה"ק
**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**
הבחור **משה ארי' יאזשעף** נ"י

***

מו"ה **חיים ישעי' דעפריס** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **שלמה זאלדאן** הי"ו בני ברק
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **ידידי' אשר מלאכי** הי"ו בית א-ל
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **יצחק שמואל פרענקל** הי"ו ירושלים
גבאי ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים עיה"ק
**צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב**
החתן **שמעון פרענקל** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **יוסף סאקס** הי"ו טבריה
חשובער מלמד אין אונזערע הייליגע מוסדות

# צוגרייטונגען צו ל"ג בעומר אין קרית ברסלב

עס קומט שוין נענטער און נענטער דער גרויסער הייליגער טאג ל"ג בעומר, די יומא דהילולא פונעם תנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי, וואס גאנץ כלל ישראל שפירט א שייכות צו אט דעם צדיק, א העכערער קשר וואס מען קען נישט מסביר זיין מיט ווערטער. אויך אין שטעטל, אין קרית ברסלב ליבערטי, גרייט מען זיך צום דערהויבענעם טאג, און בפרט דאס יאר הערשט א געוואלדיגע שמחה צווישן אנשי שלומינו, ווען צום ערשטן מאל וועלן מיר האבן די זכיה אז דער ראש ישיבה שליט"א וועט פראווען דעם הייליגן טאג אינאיינעם מיט אונז אין שטעטל. אנדערש ווי אלע יארן וואס ער פלעגט פארן קיין מירון צום ציון הקדוש, וועט ער דאס יאר בלייבן מיט אונז, און פון דא וועט מען זיך מקשר זיין צום צדיק דורכ'ן לערנען זיין הייליג ספר, דעם זוהר הקדוש און תיקוני זוהר. דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אויסגעדרוקט אז אויב קען ער פועל'ן ביי אנשי שלומינו אז זיי זאלן אנהייבן לערנען זוהר הקדוש - זיך מאכן שיעורים אין זוהר הקדוש און אין תיקוני זוהר, איז דאס פיל שטערקער און חשובער ווי צו זיין ל"ג בעומר אין מירון.

דער פלאן איז אז אי"ה אין טאג פון ל"ג בעומר, דינסטאג נאכמיטאג פרשת בהר בחקותי, וועט מען זיך צוזאמקומען פארנט פונעם בית המדרש הגדול אויף האשקי ראוד, וואו מען וועט אנצינדן א גרויסע מדורה אזוי ווי מען פירט זיך בכל תפוצות ישראל. מען וועט זינגען און טאנצן לכבוד התנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי, און פועל'ן אלעס גוטס דורך שמחה של מצוה. דערנאך וועט צוגעשטעלט ווערן א גרויסארטיגע סעודה אין בית המדרש, וואו מען וועט האבן די זכיה צו הערן ביים סעודה גאר וויכטיגע דיבורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, איבער וואס מען דארף זיך פארנעמען אין אט דעם הייליגן טאג ל"ג בעומר.

די פייער און די טענץ אינדרויסן פון שול וועלן פארקומען ביים גרויסן פארקינג לאט פארנט פון בית המדרש. די פרויען וועלן שטיין ביים אויבערשטן פארקינג לאט, וואו עס וועט זיין גאר באקוועם מיטצוהאלטן דעם גאנצן מעמד. עס ווערט געזוכט בחורים און אינגעלייט וואס זענען גרייט ארויסצוהעלפן במשך דעם גאנצן טאג, אנגעהויבן פון פירן די טרעפיק אויף האשקי, דרייוון די באסעס אויפצופיקן דעם ציבור פון די באשטימטע פלעצער (ווי עס הייסט יעצט וועלן די באסעס אויפנעמען דעם עולם פון עטליכע לאקאלן ווי עס זענען דא גענוג פארקינג), און אזוי אויך אהערצושטעלן די סעודה וכדומה. מען קען זיך מעלדן צום חשובן שמש מו"ה ישראל פוקס הי"ו.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער מעמד זאל ברענגען די ריכטיגע השפעות פאר אונז און פאר גאנץ כלל ישראל, און דער עיקר זאל מען קענען ארויסנעמען דערפון לעובדא ולמעשה ווי אזוי זיך צו פירן אין לעבן ווי ערליכע אידן.

# שיינער שבת קודש מיט'ן ראש ישיבה שליט"א אינעם ווילעדזש געגנט אין שטעטל

דעם שבת קודש פרשת אחרי קדושים איז געווען גאר א ספעציעלער שבת פאר די אידן וועלכע וואוינען אינעם נייעם געגנט פון שטעטל, ארום די בניני המוסדות וואס געפונט זיך אין ווילעדזש און ליבערטי, וואס זיי האבן געהאט די זכי' אז דער ראש ישיבה שליט"א איז צום ערשטן מאל געקומען אפרעכטן א שבת קודש אין דעם געגנט.

די תפלות זענען פארגעקומען אינעם ארטיגן שול "ליקוטי מוהר"ן", וואו דער שבת איז געווען גאר פרייליך, געשמאק, און דערהויבן. פרייטאג צו נאכטס איז דער ראש ישיבה שליט"א צוגעגאנגען צום עמוד צו קבלת שבת, נאכ'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א מעורר געווען די געסט אז אזוי ווי אין די געגנט איז נאכנישט דא קיין עירוב זאל מען זייער אכטונג געבן נישט צו טראגן.

פרייטאג צו נאכטס איז געווען גאר א שיינע באטע אין די דירה וואו דער ראש ישיבה שליט"א איז איינגעשטאנען, מען האט געזינגען און פארברענגט און זיך מחזק געווען מיט'ן הייליגן רבינ'ס עצות.

אינדערפרי פאר'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א געלערנט זוהר הקדוש און דערנאך האט מען ארומגערעדט פארשידענע אינטערעסאנטע נושאים וואס איז געווען די וואך אין די הייליגע בריוון פון "עצתו אמונה". דער ראש ישיבה שליט"א האט געדאווענט פאר'ן עמוד שחרית און מוסף, ווי אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א געליינט קריאת התורה מיט א געוואלדיגע ברען און חיות.

נאכ'ן דאווענען ביים קידוש האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט סיפורי מעשיות, אזוי ווי עס איז נישט געווען גענוג ספרים פאר יעדן האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט פון אויסווייניג וואו מען האלט יעצט אז דער ערליכער בעל תפלה איז ארומגעגאנגען פאררעכטן די גאנצע וועלט און זיי ארויסנעמען פון זייערע נארישקייטן און שלעכטס, און דער ראש ישיבה שליט"א האט שטארק ארומגערעדט פון דעם אז נאר מיט תפלה קען מען ארויסגיין פון סיי וועלכע פראבלעם, נאר דאס איז די איינציגסטע עצה פאר יעדע זאך, צו טרעפן א שטילע פלאץ און זיך אויסשמועסן מיט'ן אייבערשטן אזוי ווי מען רעדט זיך אויס צו א נאנטער חבר אויף די אייגענע שפראך, און בעטן

<<<<<<

## געפייניגט געווארן

א לענגערע שיעור פאר מענטשן וואס שפירן אז מען האט זיי באַ'עוול'ט און געפייניגט אלס קינד, ווי אזוי קען מען זיך היילן?

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 12, 2, 3**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**

**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

**< BreslevCenter.com >**